Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

30

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 30

א יעדער ריס קלינגט אופֿ אפּ ווערסטן אין די שויבן,
א יעדער אופֿרייס שאלט מיט ווידערקלאנג אין רוים:
פֿונעם קאריער אריבער אווראָם־הערש איז אפּן הייבער —
דער אָנגעהייצטער לופֿט — די הענט זיינע פֿארטרויען.
באטראכט האָט אווראָם-הערש די בויונג פֿון דער הייך;
אָט איצט וועט מען דערזען, וואָס ס׳טוט זיך עפּעס אונטן;
נאָר ניט געקלעקט קיין ריִע און דאָס אויג האָט ניט דער־
גרייכט,
האָט ער דעם קאָפּ פֿון דר׳הייך א וויג געטאָן פֿארוואונדערט:
ווי ס׳האָט זיך עס א ביסעלע געגעבן א צעהוידע,
ווי מ׳האָט עס שוין פּאוואָלינקע געגעבן א פֿארפּאָר!
— איז וואָס זשע, אווראָם־הערש, — האָט ער געשטאמלט, — זיי
זיך מוידע,

אז אָפּגעבאלעגאָלעוועט ט׳דיין זיידע אכציק יאָר,
און ס׳האָט זיך ניט געכאָלעמט אים אין כאָלעם, ניט אין
וואָר,

דײַנ טאטע ט׳אָפּגעװיאָקעט ביז די גרײַז־אונ-גראָװע האָר,
קײנ אלֿעפ ניט צעקײַט װאָלט ער — װאָס סע קומט דאָ פאָר,
אונ דו אלײנ װײסט אויכ ניט, אװראָם-הערש, אונ — גאָר! —

דער אָטעם ט׳אימ פארכאפּט. די בײנער ט׳אימ פארקלֿעמט.
ער זעט עס מיט די אויגנ אונ ער טאפּט עס מיט די הענט, —
אז אָט מע נעמט א טײַכ, מע שפּאלֿט אימ — טײלֿ אפ טײלֿ,
עס לעשט זיכ ניט קײנ פײַער, ס׳דערטרינקט זיכ ניט קײנ שטײנ,
עס פאָרט ארויס א װעלֿט אפ אימ, עס פאָרנ אפ אימ באנענ,
אונ אפ די העכסטע בערג — מע פויקט װי נ׳באראבאנענ,
אונ אלֿצ זעט אויס אינײנעמ, װי א װוּנדערלֿעכער װאלד,
אז נאָכ א ביסלֿ נעמסטו אונ דו גיסט אפ אימ א פאלֿ,
אז נאָכ א ביסלֿ דאכט זיכ, אז דער טײַװלֿ דאָרטנ נעמט דיכ,
אז נאָכ א ביסלֿ נעמסטו אונ דו לֿאָזט ארויס א געמבע:

— אײַ װוּ האָט מענ געזײענ
אונ װוּ האָט מענ געהערט —
אפ װאסער זאָלֿ מענ גײענ
אזוי װי אפ דער ערד? —

נאָר גלֿײַכ האָט אװראָם־הערש זיכ דאָרט א כאפּ געגעבנ: — הײ,
דו ביסט דאָכ אפ דער ארבעט, אװראָם הערש, דאָ ניט אלֿײנ!
— אײַ װוּ האָט מענ געזײענ אונ װוּ האָט מענ געהערט,
אז מ׳האָט דאָס גאנצע לֿעבנ אָנגעטריבנ פערד, —
א יעדערנ דערלאנגט ער האָט א קיצלֿריקנ טאָר
אונ אפ דער עלֿטער — אײַנגעשפּאנט א נײַיִנקנ מאָטאָר! —
ס׳האָט זאָלֿ פונ דער װײַט אפ אימ געשטשירעט אונ געקוקט דאָרט,

די לינג די צעשפאָלטענע געדרייט אהינ, אהער:
— וואָס פעלט נאָכ, אוראָם־הערש, זאָלסט ווערנ א קאָנדוקטאָר?
וואָס פעלט נאָכ, אוראָם־הערש, זאָלסט ווערנ אינזשעניער?—
נאָר אוראָם־הערש געשטאנענ שטאָלצ איז בא דעם רודער,
דאָס רעכטע אויג — צו זאָזלענ, דאָס לינקע — צום מאָטאָר,
אונ אלע ווייל דעם רוים פארלישעט מיט א הודע
פאר אלע זײַנע פערציק באלעגאָלעדיקע יאָר!
אונ לאכנדיק געגעבנ האָט ער זאָזלענ א פארפאָר.
אונ מיט דער באָרד — א כיינעוודיקנ פאָכע צום מאָטאָר:

— וואָס זאָגסטו אפנ פײַער?
וואָס זאָגסטו אפ זײַנ קויעכ?
פונ אונטנ שפריצט מיט וואסער,
פונ אויבנ גייט א רויכ!

וואָס זאָגסטו עפעס, זאָזל, וואָס זאָגסטו אפנ פערד? —
נאָר קיינער פונ דער ווייט אונ פונ דער נאָנט האָט ניט געהערט,
אונ שטיל האָט ער געגעבנ א דערמאָנ זיכ אונ א קלער:
געקומענ אפנ הייבער ז׳ער ניט גלייכ פונעם קאריער.
זיכ ארבעטנ געשטעלט אינ שמידערײַ האָט ער צוערשט,
אוועק אינ שמידערײַ, ווי אפ א כאסענע איז ער,
ווײַל ער האָט זיכ ניט פאָרגעשטעלט קיינ בעסערס אפ דער ערד,
אונ ווײַל ס׳האָט אימ פונ קינדווײַז נאָכ א צי געטאָנ אהער,
די ערשטע שטוב פונ באנ,
די לעצטע פונ דער שטאָט;
אונ ווו מע גיט א שפאנ,
איז אײַזנ אונ ס׳איז שטאָל.
דאָס פײַער שרײַט צום וועג מיט פרענט נאָכ פרענט.

די אופגעשפארטע טיר. די אָפּגעשיילטע ווענט.
און דאָס, וואָס ווי בא קימפּעטאָרן שטייט דער שמיד באם ברענ
און לעבעדיקע נעמט ער זיי, די פרענטעס, מיט די הענט.
עס האָט זיך אים נאָך קינדווײַז אויסגעדוכט אזוי,
אז ס'איז די באָרד מיט פײַער בא דעם שמיד פארזוימט,
און ס'פלאקערט אפ אים פריילעך דער פארויכערטער קאמזויל,
עס פלאקערט אפ אים פריילעך, לעבעדיק און העל,
און ער — ער שפּײַט מיט פונקען אפ א האלבער וועלט!
געדוכט האָט אים, אז ס'פײַער שלעפּט ער מיט די הענט
פון האָרן, ווי פון בוזעם — שווייסיק מיט געפּעכט,
און קנעט עס, ווי א ראָשטשינע א גאָלדענע צעבלענדט,
און באקט פון דעם פּאָדקאָוועס, ווי ראָגאלן, פאר די פערד.

האָט קיינמאָל פון דעם פאך זיך שוין ניט אָפּגעטאָן זײַן גוסט,
איז אָפּגעכאָלעמט האָט ער דאָרט א לעבן און געגלוסט,
אז ווען וועט פארן האָרן זיך צעכראסטען שוין זײַן ברוסט,
און ווען וועט ער דערלאנגען שוין מיט פונקען אזא הוסט,
אז ס'זאָל א שטאָט א גאנצע ווי א פרענט זײַן אין זײַן האנט,
און שמעלצן זי און קנעטן זי אין פײַער און אין בראנד,
אז ציטערן פאר אים אפ מײַלן זאָל דער קאנט,
ווי נאָר ערגעץ א מארק און א יאריד עס איז באקאנט...

נאָר ס'איז אים בלויז א בויד א יאלעווע געווען באשערט
אין זיבן ווערסט געליימטע בלאָטע...
איז האָט ער
זיי מיט גווורע דאָרט געקישעפט און געבלעטערט, —
אָן אָנגעזשליאָקעטער האָט ער געקלאפט: — איך שווער,
צי פרי'ר, צי שפּעטער...

נאכהער,
ווען שאבעס פלעגט ער פירן אָנפויען די פערד
צום טײַך,
ז׳אפ צריקוועגס ליב געהאט האָט ער
דאָרט גלײַך
דעם שמיד אין פענצטער אָנקלאפן קעסיידער,
אז טרינקען סעלצערוואסער גיין זיי זאָלן ביידע.

ער פלעגט די פערד דאָרט צובינדן צ׳א סטויפ,
ארויסגיין מיטן שמיד אפן שאָסיי
נ׳דעם גאנצן וועג האָט קיינער ניט קיין וואָרט געפרווּוט צו זאָגן,
נאָר מיט דעם פוס האָט אווראָם־הערש געשארט א ביסל היי,
וואָס איז אראָפגעפאלן פון א פרעמדן וואָגן.

נאָך א יאריד,
א ביסל פראָסטע וואסער צולייגן צום קאָפ
איז ער זיך אויך געגאנגען צום שמיד;
אראָפגעזעצט זיך אפ אן איבערקערטער ראָד,
די גרויסע הענט אראָפגעלאָזט אנטקעגן פײַער
נ׳דעם קאָוועל ווי פון כאָלעם אײַנגערוימט ער האָט:
— ס׳איז דאָ בא דיר אין קוזניע א מעכײַע!.. —

דעם וויטעק שטילן ז׳ער געגאנגען מיט קלינגענדיקן קלאפ
און דעם פארדראָס פארברענען אפן פײַער.

און בא דעם אָפקאָווען א פערד
האָט ער נאָך ליב געהאט די פאָדקאָווע פארפרײ׳ר באשפײַען,

א פרוּוו טאָן מיט די הענט זי אומגעפּער
און מאכן מיטן קאָוועל א לעכאַים.
און אז מ'האָט אויסגעטרונקען ווי ס'געהער,
האָט אים דערמאָנט דער גוטער קאָוועל,
פארבײַסנדיק מיט א פארויכערטן געלעכטער שווער:
— לעכאַים, אווראָם־הערש!
מ'וואָלט דיר באדארפט דעם קאָפּ מיט פּאָדקאָוועס פארקאָוועג,
איז וואָלט ער עפּשער דיר געקלעקט פאר די יארידן,
אווראָם-הערש! —

איז ווען ער איז אוועק אין קוזניע פון קאריער,
האָט ער
דורך אָנגעגליטע האָרנדיקע
קרעכצן
אין זײַנע אָפּגעשפּילטע יאָרן
אײַנגעהערט זיך...
א יעדער פונק האָט אים געדרעשט
און אים געשניטן הערצלעך:
— געפּאטערט, הייסט עס, אווראָם-הערש,
אזוי די גרייס אין לעבן א יאָר פערציק!
נאָר אז דאָס לעבן האָט אזוי געפירט,
און אז דאָס מאזל האָט אזוי געבעט דיר, —
איז מאכט ניט אויס — צי פריִ'ר,
צי שפּעטער!.. —

באטרונקע: זיכ מיט פלאמ צו זעט,
מיט רויכ אונ סאזשעדיקע שטויבנ, —
אונ זיכ דע: ווענ מיט פונקענ אויסגעבעט
פונ קוזניע צו דעמ הייבער.

געפירט האָט ער אינ לופט אזא געפעכט.
א כעזשבנ זיכ געמאכט פונ זײַנע יאָרנ:
— דרײַ פערטל לעבנ אָנגעטריבנ פערד,
אונ צו דער עלטער — רײַטנדיק אפ א מאָטאָרל!